## תצא ב

א. וועגן דער מצוה פון מעקה זאָגט דער פסוק[1]: א) כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך. איז ניט מובן: פאַרוואָס שטייט „בית חדש"[2] — דער דין[3] איז דאָך, אַז מען איז מחויב במעקה ניט נאָר ווען מ'בויט אַ נייע הויז, נאָר אויך ווען מ'קויפט אַ (אַלטע) הויז (אָן אַ מעקה) וכיו"ב?

אין ספרי[4] שטייט: משעת חדשתו[5] עשה לו מעקה — אַז דער חיוב צו מאַכן אַ מעקה ווערט (ניט ערשט נאָכן אַריינקלייבן זיך אין דעם בית, אַזוי ווי מזוזה, נאָר) גלייך ווי דער בית ווערט אויפגעבויט[6] — „משעת חדשתו".

דער לשון הכתוב איז אָבער נאָך אַלץ ניט גלאַטיק[7]: וויבאַלד דער אויפטו פון ספרי איז, אַז דער חיוב פון מעקה קומט באַלד ווי מ'ווערט די בעלים פון שטוב (נאָך פאַרן אַריינקלייבן זיך אין איר) —

פאַרוואָס איז די תורה מרמז דעם דין הנ"ל אין מעקה דורכן לשון „תבנה בית חדש" — פון וועלכן ס'איז משמע אַז דער חיוב מעקה איז נאָר ביי אַ „בית חדש"[8] — און ניט דורך אַ לשון וואָס זאָל מדגיש זיין אַז דער חיוב מעקה איז חל (אויף יעדן בית) גלייך ווי דער בית קומט אין זיין רשות?

ב) ווייטער אין פסוק[1] שטייט דער טעם[9] אויף עשיית מעקה — „כי יפול הנופל ממנו". איז ניט פאַרשטאַנדיק: דער פסוק וואָרנט דאָך דאָ קעגן (און פאַר) דער נפילה — היינט ווי רופט אים דער פסוק שוין אַז „(יפול) הנופל"?

די גמרא[10] ענטפערט אויף דעם: ראוי זה ליפול מששת ימי בראשית .. אלא שמגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב. אָבער דעם ענטפער ברייננגט רש"י בפירושו על התורה, וע"ד לימוד הפשט בפשוטו של מקרא, איז דער תירוץ לכאורה ניט גלאַטיק — „נופל" איז פירושו (ניט אַז „ראוי זה ליפול", נאָר) ל' הווה ושם התואר — „נופל" ממש[11].

---

1) פרשתנו כב, ח.

2) זה שהפסוק מתחיל „כי תבנה בית" (אף שגם בקנאו כו' חייב במעקה) — י"ל בפשטות כי דיבר הכתוב בהווה (כלל פשוט (גם) בפשוטו של מקרא (ראה רש"י משפטים כא, כח. כב, יז. שם, כא. שם, ל. ובכ"מ. וראה לקו"ש ח"י ע' 130 ואילך)).

והקושיא שבפנים היא — למה נאמר „(בית) חדש" שתיבה זו היא יתור לשון וגם נותן מקום לטעות שבא ללמד שחיוב מעקה הוא דוקא בבית חדש.

3) ספרי עה"פ.

4) עה"פ.

5) ביל"ש כאן: חדושו.

6) ספרי דבי רב לספרי. וראה צפע"נ לרמב"ם הל' ברכות פי"א ה"ב והל' תרומות ד, ב (נעתק בצפע"נ עה"ת כאן). ובתולדות אדם לספרי מפרש: כשהוא חדש לו ויכנוס לדור בו. ואכ"מ.

7) נוסף לזה שדרשת הספרי היא דעת יחיד (רבי) ורבנן פליגי עלי' [ולכן לא הובא ברמב"ם *כו'] — ספרי דבי רב שם (וראה גם מגדל עוז לרמב"ם הל' רוצח פי"א ה"ג).

בספרי דבי רב שם, דלרבנן איצטריך „בית חדש" לומר שכל שהוא חדש לדידי' אע"ג דלא בנאו. ואף שבספרי נלמד זה מתיבת „בית" — „בית נ"מ" — „לאו דוקא אלא כלומר בית חדש מ"מ" (ספרי דבי רב שם לפנ"ז. תולדות אדם שם). אבל לכאורה דוחק לפרש כן בלשון הספרי.

8) ויל"ע בצפע"נ הנ"ל דמפרש „בשעת חדושו דהיינו בשעת בנינו".

9) כפשוטו של כתוב. אבל ראה לקמן בפנים סעיף ר' (ובהערה 48) ע"ד ההלכה.

10) שבת לב, א. פרש"י עה"פ בפרשתנו.

11) בראב"ע (ועד"ז בעוד מפרשים) כאן „נקרא

*) אבל להעיר מצפע"נ שבהערה הקודמת.

ב. עס שטייט אין פרקי דר"א [12], אז דער טעם וואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט אין אן אופן, אז דער רוח צפונית איז ניט פארענדיקט געווארן [כמאמר [13]: עולם לאכסדרה הוא דומה ורוח צפונית אינה מסובבת], איז ווייל טאמער וועט קומען איינער און זאגן „הוא אלקה", וועט מען אים ענטפערן „יבא ויגמור את הפנה הזאת שהנחתי כו'".

ד. ה. כדי אז די נבראים זאלן ניט האבן קיין טעות און מיינען אז זיי דארפן ניט אנקומען צום בורא עולם ומנהיגו, צו דאס וואס איז העכער פון זיי, האט דער אויבערשטער זיי באשאפן אזוי, אז זיי האבן אין זייער מציאות א חסרון, וועלכן זיי אליין קענען ניט משלים זיין: ובמילא פילן זיי ווי זיי מוזן אנקומען צו א כח עליון.

דאס זעלבע איז אויך בנוגע דער מציאות פון „שכל": כדי אז א מענטש — א בעל שכל — זאל זיך ניט איינריידן אז מיט זיין שכל קען ער אלץ פארשטיין, האט דער אויבערשטער אין אים מטביע געווען, אז ער מוז אנקומען צו העכער־פון־שכל [לדוגמא: צו פארשטיין א שכל מוז מען פריער תופס זיין די מושכלות ראשונות און כללי החכמה, וואס לויט די כללים קומט מען צו צו מסקנת השכל והסברא — אבער די כללים גופא זיינען ניט מוכרח מצד השכל] [14]; ד. ה. אין שכל גופא הערט זיך אן ווי ער איז א חסר און מוז אנקומען צו למעלה מן השכל.

און אזוי איז עס אויך, להבדיל, אין תורה: נגלה דתורה איז אראפגעקומען בהתלבשות ביז אין הבנת ותפיסת שכל אנושי, ביז אפילו פון אן אינו יהודי [15]; און כדי אז מען זאל געדיינקען אז תורה — אויך נגלה דתורה — איז שכל אלקי, האט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט געוויסע ענינים פון נגלה דתורה אין אזא אופן, אז מען זאל זיי ניט קענען פארשטיין לתכליתם [16] סיידן ווען מ'לערנט די ענינים ווי זיי ווערן נתבאר אין פנימיות התורה, וואס איז שכל אלקי בגלוי: און דורך דעם באנעמט מען אז תורה האט זיך נאר אנגעטאן אין שכל אנושי, אבער במהותה איז זי שכל אלקי שלמעלה מנבראים [17].

וי"ל אז איינער פון די ענינים הנ"ל איז אויך דער פסוק וועגן מצות מעקה [18]: לויטן ביאור פנימי פון ענין המעקה וועט ווערן פארשטאנדיק אז „בית חדש" איז אן ענין עיקרי אין דעם תוכן פנימי פון מעקה, דער חיוב פון מעקה איז פארבונדן מיט „בית חדש":

ועד"ז וועט ווערן פארשטאנדיק דער לשון „יפול הנופל" — אז נאך איידער ער פאלט אראפ (פון „גגך") איז ער שוין א „נופל".

---

על שם סופו . . ומלות רבות לאין מספר נקראו על שם סופם". אבל הא גופא צריך ביאור — למה יקראו על שם סופם (וכנראה גם להראב"ע אין פירושו ודאי אצלו וכהמשך ביאורו: ולא נדע אם כן דרך הלשון, או הוא דברי נבואה) ?

12) פ"ג. וראה ג"כ רבותינו בעה"ת (הדר זקנים) וחזקוני ר"פ בראשית.

13) ר"א — ב"ב כה, סע"א ואילך.

14) ראה גם לקו"ש ח"ב ע' 561. ולהעיר ממו"נ ח"א פנ"א. ועוד.

15) אלא שבזה י"ל שזהו בכדי שתהי' הבחירה חפשית. ואכ"מ.

16) להעיר מהכלל (רשב"ם ב"ב נב, ריש ע"ב. ועוד) דבמקום שמסיק הש"ס „קשיא" אין זה מבטל הדין. עד"ז (לדעת כמה) בשתק רב (ביצה ו, א. וראה הנסמן בסה"מ תש"ח ע' 102). וכיו"ב.

17) ראה אגה"ק סי' כו.

18) ובכ"ז הביאם רש"י בפי' עה"ת, כמו שמביא כמה פירושים שאינם (גלאטיק) פשוטים כ"כ, מביא ב' (ויותר) פירושים מפני הקושי שבכו"א מהם: ועוד.

ג. חז״ל זאגן [19] „ביתו זו אשתו״, ביז — ווי ר׳ יוסי האט געזאגט [20] „מימי לא קריתי לאשתי אשתי .. אלא לאשתי ביתי״. און דאס איז דער פירוש פנימי אין „כי תבנה בית חדש״, דער זמן פון התחלת חיי נישואין [21], ווען א מענטש נעמט אויף זיך די „רחיים בצווארו״ [22] — די התעסקות מיט פרנסה גשמית [23], אדם חורש אדם זורע [24]

זאגט תורה „כי תבנה בית חדש ועשית מעקה גו׳״: וויבאלד אז דאס איז א „בית חדש״ — א נייער סדר ועבודה אין וועלכער מ׳איז ניט איינגעוואוינט — דארף מען מאכן א „מעקה״: עס זיינען ניט גענוג די זהירות׳ן וואס מ׳האט גע־האט אין די פריערדיקע אופני עבודה, נאר מען מוז אויף זיך אננעמען נייע גדרים וסייגים [25] — מ׳דארף מאכן פריי־שע צאמען אין מחשבה, אין דיבור און אין מעשה.

און דער טעם פארוואס עס פאדערט זיך דוקא ביי דער עבודה חדשה די באווארעניש פון „מעקה״, (איז דער פסוק ממשיך) „כי יפול הנופל ממנו״ —

היות אז די עבודה איז ביים מענטשן פארבונדן מיט דער תנועה פון ירידה [26] ונפילה [27] לגבי זיין פריערדיקן מצב [ווארום די התעסקות אין גשמיות העולם איז ע״ד ווי כללות ירידת נשמתו לעוה״ז], דעריבער איז עלול אז די גשמיות העולם וועט אים אויך אראפ־נידערן פון זיין מדריגה. און אויב ער וועט ביי זיין בויען א „בית חדש״ ניט זיין זהיר ביותר, וועט ער ניט נאר ניט קענען מעלה זיין די גשמיות און מאכן דערפון רוחניות, נאר אדרבה, די גשמיות וועט נאך פארגרעסערן זיין ירידה ונפילה — „יפול הנופל״.

ד. „בית״ ווערט אויך, לפעמים, גע־מיינט דער גוף האדם [28], און אין עבודת ה׳ נעמט עס ארום די עבודה כללית פון „בירורים״ — צו מברר זיין דעם גוף וחלקו בעולם; און די עבודה ווערט אנגערופן „בית חדש״ — ווייל א) די נשמה קודם ירידתה למטה האט קיין מושג ניט בזה — און ב) אין דער עבודה קומט דער אמת׳ער „חידוש״.

וע״ד ווי עס רעדט [29] זיך בנוגע דער התהוות פון עולם הזה הגשמי — אז

---

19) משנה ריש יומא. וראה בגמרא שם יג, א. לקו״ש חי״ז ע׳ 172 ואילך.

20) שבת קיח, ב. נת׳ בלקו״ש שם (סעיף ג־ד).

21) להעיר, שבפ׳ זו (כב, יג. רמב״ם ריש הל׳ אישות. ובסהמ״צ (מ״ע ריג) מביא הכתוב כד, א. וראה חינוך מצוה תקנב) נאמרה מצות קידושין. ולקמן בפרשה (כד, ה) „כי יקח איש אשה חדשה גו׳ נקי יהי׳ לביתו שנה אחת גו׳״.

ולהעיר, שנישואי כ״ק מו״ח אדמו״ר היו ביום י״ג אלול, ו׳ עש״ק ס׳ תצא (כמו קביעות שנה זו (— תשל״ח)) תרנ״ז — פרשת „כי יקח איש אשה חדשה גו׳״.

22) ראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ג סעיף א׳ ואילך, ורש״נ.

23) ולהעיר מע״ח (שמ״ב פי״ד. שער המצות וס׳ הליקוטים כאן) דמעקה ענינה המסך בין אצילות ובי״ע.

24) ברכות לה, ב. וממשיך: תורה מה תהא עלי׳.

25) ראה עד״ז לקו״ש ח״ב ע׳ 385 ואילך. ולהעיר מלקו״ת נצבים נב, סע״א.

26) ד„חתן חוות דרגא״ (תו״א קו, א. לקו״ת שה״ש בתחילתו. ובכ״מ). וראה יבמות (סג, א): נחית דרגא נסיב איתתא.

27) ויומתק יותר על פי הפירוש הפנימי ד„יפול הנופל״ קאי על הניצוצות קדושה (ראה לקמן סעיף ד׳ — ד„תבנה בית חדש״ קאי על כללות עבודת הבירורים) שנפלו למטה ע״י שבה״כ דתהו (ראה ע״ח כו׳ שם), ואם כשבאים (בהשגח״פ) ליד האדם ולא יזככם ויעלה אותם לשרשם — הרי יפלו עוד למטה יותר.

28) ד״ה ויבא עמלק תפר״ח ספ״א.

29) שרש מצות התפלה פכ״ה ואילך (וראה תו״א צ, ב). ובכ״מ. וראה לקמן הערה 34.

כאָטש עס זיינען דאָ כמה מדריגות אין סדר השתלשלות וואָס ווערן נתהוה בדרך התחדשות פון זייער שורש ומקור

[דער כללות האור שלאחרי הצמצום איז אַן ענין פון התחדשות [30]; אי"ק ווערט אַנגערופן „אדם דבריאה" (יש מאין) [31]; „כלים" דאצילות זיינען אַן ענין פון יש מאין [32]; ועל אחת כו"כ עולם הבריאה [33]]

פונדעסטוועגן, איז אמיתיות ענין החידוש [34] דוקא אין דער התהוות פון עולם הזה הגשמי, וכמאמר הידוע [35] אַז די התהוות הגשמיות מן הרוחניות — אין לך יש מאין גדולה מזה.

און עד"ז איז אויך ביי דער עבודה מיט דברים גשמיים: וויבאַלד אַז גשמיות האָט קיין ערך ניט לגבי רוחניות, קומט אויס, אַז די עבודה צו מברר זיין גשמיות העולם און מאַכן דערפון רוחניות, איז אַן ענין פון התחדשות [36];

און דעריבער איז דער אופן העבודה מרומז אין „תבנה בית חדש": דאָס איז די עבודה צו אויפטאָן אַ „חידוש" אין דעם „בית" — זה הגוף, און דערמיט גופא בויט מען אויף אַ „בית" ודירה לו ית'.

ה. כשם ווי די עבודה איז בדרך התחדשות, אַזוי אויך איז עס בנוגע דעם אדם העובד:

דער עילוי וואָס טוט זיך אויף אין דעם אדם דורך אַנדערע אופני עבודה איז אַן עילוי שבערך; אָבער דורך דער עבודה צו מברר זיין גשמיות העולם ווערט דער אדם נתעלה אין אַן אופן של „חידוש" — באין ערוך [37].

און נאָכמער: די עבודה טוט אויף אויך אַ חידוש למעלה, כביכול (כמחז"ל [38] הכל בידי שמים חוץ מיר"ש. ועי"ד מחז"ל [38*] „מוסיפין כח בגבורה של מעלה") — דורך דער עבודה צו מאַכן אַ „דירה לו (ית') בתחתונים" [39], ווערט דאָס די „דירה נאה" וואָס איז „מרחיב(ין) דעתו של אדם" [40] — „אדם העליון" כביכול [41].

מצד סדר השתלשלות איז דאָ אַ „הגבלה" כביכול למעלה בנוגע דער המשכת אור אלקי בעולם — ס'איז דאָ דער אור אלקי וואָס קען נמשך ווערן אין וועלט און ס'איז דאָ אַן אור וואָס איז העכער פון עולמות, און נאָך אַ העכ־ערער אור וואָס איז ניט בגדר העולמות כלל [42] —

---

30) ראה ספר הערכים־חב"ד כרך ג' ע' אוא"ס (א) סעיף י', וש"נ.

31) מאו"א א, לב. וראה ספר הערכים־חב"ד בערכו סעיף ג' (וראה שם ס"ו בתחילתו), וש"נ.

32) ראה השיטות בזה בספר הערכים־חב"ד כרך ד' ע' אורות דספירות — „פשיטותם" ו„ציורם" סעיף ג', וש"נ.

33) ד„אין אצלנו בלה"ק בהוצאת היש מאין אלא לשון ברא" (רמב"ן ר"פ בראשית).

34) להעיר ד„אין ערוך" הוא דוקא „בעוה"ז" (נת' בהמשך תער"ב (ח"ב ע' א'קנא. א'קנה. ח"ג ע' א'תמב ואילך. ועוד), סד"ה אין ערוך לך תרצ"ד (תשי"א). ועוד).

35) ראה עיקרים מאמר א' פרק כג.

36) ראה בארוכה בכ"ז לקו"ש ח"ו ע' 22 ואילך (ובהערה 73, 79 שם). חי"ב ע' 74 ואילך. וש"נ.

37) ראה ספר הערכים־חב"ד כרך א' ע' אהבת ה' — ההוספה שבה ע"י נה"ב סעיף ד', וש"נ. ועוד.

38) ברכות לג, ב. וש"נ.

38*) איכ"ר פ"א, לג. וראה ספרי ברכה לג, ה.

39) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל"ו.

40) ברכות נז, ב.

ולהעיר ממרז"ל (יבמות סג, רע"א) „כל אדם שאין לו קרקע („לבנות עליו שידור בו" — תוד"ה שאין שם) אינו אדם". ויש לקשר זה עם הידוע (ראה המשך תרס"ו ס"ע ד' ואילך. ע' תמו. ועוד) שהכוונה דדירה בתחתונים היא בעצמותו ית' למעלה מכל גילויים.

41) להעיר מלקמן ע' 5־384.

42) ראה לקו"ת ראה ביאור לד"ה אחרי פ"ב־ג. ר"ה ד"ה והי' ביום ההוא פ"ב וה'. ברכה ד"ה מזמור שיר (הב') פ"א. ובכ"מ.

און דורך דער עבודה פון אידן ווערט אויפגעטאָן אַ „הרחבה" ו„חידוש", אַז אויך דער אור וואָס איז ניט בגדר העולמות כלל [ביז אויך דער אור וואָס איז העכער פון דעם אור שהי' ממלא מקום החלל לפני הצמצום [43]] ווערט נמשך למטה.

ו. די „כלי" צו אַן ענין של „חידוש" איז — ביטול. וכידוע [44] בענין העליות, אַז ווען די עלי' איז באין ערוך לגבי דער פריערדיקער מדריגה מוז פאַר דער עלי' זיין ביטול, וואָס דורכדעם ווערט מען אַ כלי צו דער עלי' (ע"ד דער ענין ה„עמוד" ו„נהר דינור" וואָס מ'דאַרף דורכגיין בשעת מ'איז עולה פון ג"ע התחתון צו ג"ע העליון [45]).

און דאָס איז אויך דער פנימיות'דיקער תוכן פון „מעקה": אין די גדרים וסייגים — די „מעקה" — וואָס אַ איד שטעלט אויף בעבודתו, זאָגט זיך אַרויס די תנועה פון ביטול [46] וקבלת עול, וואָס מאַכט אים פאַר אַ כלי הראוי' צום „בית חדש" [47].

דערמיט קען מען מסביר זיין דעם טעם פנימי פון דעם, וואָס דער סיום הפסוק „ולא תשים דמים בביתך (כי יפול הנופל ממנו)" איז ע"ד ההלכה ניט (נאָר) אַ נתינת טעם אויף מצות מעקה, נאָר אַ ציווי בפ"ע [48] [ווי עס שטייט אין ספרי [4]: ועשית מעקה לגגך מצות עשה, ולא תשים דמים בביתך מצות לא תעשה] —

ווייל דער ענין פון מעקה איז ניט נאָר אַ גדר וסיג צו באַוואָרענען נפילת האדם („יפול הנופל"), נאָר ס'איז אויך אַן ענין המוכרח אין אויפטאָן אַ „בית חדש" — דער חידוש ועילוי שלא בערך אין דעם אדם (און למעלה כביכול).

ז. די הוראה מכל האמור בנוגע לפועל:

מען דאַרף וויסן, אַז מען טאָר זיך ניט אָפּשליסן פון וועלט, נאָר מען מוז בויען אַ „בית", מאַכן אַ דירה לו ית' בתחתונים; ואדרבה, דורך דער „ירידה" אין דעם אופן העבודה ווערט דערנאָך די אמת'ע „עלי'", עס ווערט אויפגעטאָן אַ חידוש למטה און אַ חידוש למעלה, כנ"ל.

לאידך גיסא דאַרף מען וויסן, אַז כדי צו מאַכן פון גשמיות אַ כלי צו רוחניות מוז מען מאַכן אַ „מעקה", וואָס דאָס מיינט, אַז ער בלייבט בהבדלה פון גשמיות העולם. ער פאַרנעמט זיך טאַקע מיט עניני העולם, אָבער זיי האָבן ביי אים ניט קיין תפיסת מקום (ובמילא בלייבט ער „מובדל" פון זיי). ווייל ער ווייס (און פילט), אַז זיין גאַנצע

---

43) ראה המשך תרס"ו ע' ד. תקס ואילך. ועוד.

44) ראה תו"א ז, ג. המשך תרס"ו ע' יב ואילך. יח ואילך. ובכ"מ.

45) ראה תו"א שם. צו, א. המשך הנ"ל ע' טו. ובכ"מ.

46) ראה אוה"ת להה"מ עה"פ: מחיצה לגגך רצה לומר לגדלות שלך . . שלא יגבה לבך. וראה בארוכה לקו"ש חכ"ד ע' 141 ואילך.

47) להעיר מהמבואר בהמשך תרס"ו (ד"ה אחרי ה"א תלכו ואילך) בענין עבד פשוט, שעבודתו היא (לא מצד גילוי אור, כ"א) מתוך קב"ע ויר"ש וביטול בתכלית, ומשו"ז היא באופן של התחדשות, דעי"ז נעשה הדירה לו ית' בתחתונים שהיא המשכת אור חדש, עיי"ש בארוכה.

ועפ"ז (דמעקה שייכת לעשיית הדירה לו ית') יש לבאר ע"פ פנימיות הענינים זה שחיוב (מ"ע ד)מעקה הוא רק ב„בית דירה" (ספרי כאן. רמב"ם הל' רוצח רפי"א. שו"ע חו"מ ר"ס תכז. שו"ע אדה"ז חלק חו"מ הל' שמירת גוף ונפש כו' סעיף א').

48) ראה לקו"ש (ח"ב ע' 385. ח"ט ע' 138 הערה 28) — שעפ"ז מתורץ פסק הרמב"ם (הל' ברכות פי"א ה"ח. שם הי"ב) דמברכין על עשיית מעקה, אף שלפנ"ז (שם הי"ד) פסק ד„דברים שהם משום סכנה אין מברכין עליהם", עיי"ש.

התעסקות מיט ענינֵי העולם איז נאָר בכדי צו אויספירן די כוונה העליונה צו מאַכן אַ דירה לו ית' בתחתונים [49].

ח. פון דעם איז אַ הוראה מיוחדת פאַר די וואָס גרייטן זיך צו „תבנה בית חדש" אין דעם זין פון חיי נישואין (כנ"ל סעיף ג'):

מען זעט דערפון דעם גודל הענין פון חיי נישואין. נישואין פון יעדן אידן איז אַן ענין כללי ניט נאָר פאַר אים, אין זיינע חיים הפרטיים, נאָר אויך מצד למעלה כביכול. וויבאַלד אַז דעמאָלט הויבט זיך אָן זיין (עיקר) עבודה צו מאַכן אַ דירה לו ית' בתחתונים, טוט עס אויף דער „מרחיבין דעתו של אדם" דלמעלה כביכול, אַ המשכת אור חדש, כנ"ל [50].

לאידך, דאַרף מען אָבער וויסן, אַז דער וועג צו אויפבויען דעם „בית חדש" מוז האָבן דעם מאַכן אַ „מעקה" — אָננעמען נייע גדרים וסייגים.

לכאורה: וויבאַלד אַז חתן מוחלין לו על כל עונותיו [51], איז ניט (אַזוי) נויטיק צו באַוואָרענען זיך מיט גדרים וסייגים וכו', וואָרום זיינע פריערדיקע ענינים לא טובים זיינען דאָך אָפּגעווישט געוואָרן.

זאָגט מען אים, אדרבה: ניט נאָר דאַרף ער זיך באַוואָרענען אויף להבא — ווייל מצד דער ניט־רגילות אין דער עבודה אין עולם הזה קען ח"ו ווערן דער „יפול הנופל" (כנ"ל סעיף ג'), נאָר נאָכמער, עס דאַרף זיין די „מעקה" אויך צוליב זיינע ענינים לא טובים בעבר (וואָס קענען שטערן דעם אויפשטעלן דעם „בית חדש"). וואָרום וויבאַלד ער דאַרף נתעלה ווערן אין אַן עילוי שלא בערך, איז ניט מספיק די פריערדיקע תשובה, נאָר עס דאַרף זיין אַ העכערע תשובה [52], לפי ערך דעם עילוי פון דעם „בית חדש".

ט. און אַזוי אויך איז עס בנוגע דעם תוכן ענין המעקה, לויט ווי ס'האָט זיך פריער גערעדט — די הבדלה פון עולם הזה:

מען קען טענה'ן: וויבאַלד אַז איצט הויבט זיך אָן דער „רחיים בצווארו" ע"פ תורה [53] — איז ווי קען מען ביי אים מאָנען אַז ער זאָל בלייבן בהבדלה פון גשמיות העולם ?

דאַרף מען וויסן, אַז אדרבה: דער תכלית פון נישואי איש ואשה למטה איז, עס זאָל זיין „זכו (און) שכינה שרוי' ביניהם" [54], דאָס זאָל ברענגען צו דעם „בית חדש", נישואי איש ואשה אין רוחניות — צווישן אידן מיטן אויבערשטן [55]:

וואָס אין דעם זיינען דאָ צוויי ענינים [56]: (א) די קידושין צווישן אידן מיטן אויבערשטן — ד. ה. דאָס וואָס אידן זיינען מיוחד מיט אלקות. (ב) דאָס וואָס דורך דעם איז „אסר לה אכולי עלמא כהקדש" [57] — ער ווערט קדוש

49) להעיר מלקו"ש ח"י ע' 103 ואילך.

50) ולהעיר, דתכלית של נישואין הוא פו"ר, שענינם — המשכת א"ס למטה (ראה לקו"ת שה"ש מ, א. ובארוכה — שמח תשמח תרנ"ז ע' 5 ואילך).

51) ירושלמי בכורים פ"ג ה"ג. מדרש שמואל פי"ז. פרש"י וישלח לו, ג. וראה רמ"א אה"ע סי' סא ונ"כ שם (ולקו"ש ח"ה ע' 170) — שזה שייך לענין התשובה.

52) כמבואר בתניא פכ"ט (לו, ב).

53) ראה הנסמן לעיל הערה 22.

54) סוטה יז, א.

55) דכל שה"ש מיוסד ע"ז, כידוע בדרז"ל.

56) ראה צפע"נ כללים ע' קדושין, וש"נ. וראה לקמן ס"ע 217 ואילך.

57) קידושין ב, ריש ע"ב.

ומובדל **פון עניני העולם. וואָרום ווי געֿ־רעדט פריער, זיין גאַנצע התעסקות מיט עניני העולם איז נאָר „לסגל לבעלה"**[58] **— צו אויספירן די כוונה העליונה פון מאכן אַ דירה לו ית' בתחתונים.**

(משיחת ש"פ תצא, יג אלול*, תשי"ד)

58) ראה דב"ר פ"א, ו. וראה בארוכה לקו"ש חכ"ב ע' 52 ואילך. ס' השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 661 ואילך (והערה 115 שם).

*) יום נישואי כ"ק מו"ח אדמו"ר (בשנת תרנ"ז). ראה לעיל הערה 21.